**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער האקול פייערט די שטריק-שניידונג פון SUNY דעלהי'ס פארנסווארט האל נאכפאלגנדיג א 37.9 מיליאן פולשטענדיגע רענאווירונג

***רענאווירטע איינריכטונג ערמעגליכט מיט ניו יארק סטעיט קאפיטל באשטימונג***

***פארנסווארט האל צו שטיצן איבער 200 סטודענטן מיט סטעיט-אוו-די-ארט וועטערינעריען סייענס לאבערעטאריעס, מעדיצינישע צימערן, קלאסצימערן, און א קליינע חיות געזונטהייט קליניק***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון SUNY דעלהי'ס פארנסווארט האל (SUNY Delhi’s Farnsworth Hall) נאכפאלגנדיג א פולשטענדיגע 37 מיליאן דאלאר רענאוואציע געשטיצט דורך געלטער פון ניו יארק סטעיט. פארנסווארט האל איז די גרונט-שטיין איינריכטונג פאר SUNY דעלהי'ס ערשטע-אין-פאלק וועטערינעריען סייענס טעכנאלאגיע פראגראמען. די פראיעקט שטעלט צו נייע סטעיט-אוו-די-ארט קלאסצימערן און לאבעראטאריע פלעצער פאר די וועטעריניען טעכנאלגיא און אפלייד סייענסעס (Veterinary Technology and Applied Sciences) פראגראמען און א פולשטענדיג פונקציאנירנדע אויסלערנדע וועטערינערישע קליניק צו באקומען פאר די געמיינדע.

"סטודענטן זאלן זיין שטאלץ פון די פלאץ אין וואס זיי ארבעטן און לערנען, און איך וועל זיך נישט אפשטעלן ביז יעדע סטעיט קאלעדזש אין ניו יארק האבן די איינריכטונגען אין וואס זיי נויטיגן זיך דאס צו דערגרייכן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "איך בין זיכער אז מיט די נייע רענאוואציע פראיעקט, וועלן סטודענטן אין SUNY דעלהי האבן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט ערציאונג איינריכטונגען צו לערנען און מצליח זיין."

די איינריכטונג, אריגינעל געבויט אין 1980, איז דורכגעגאנגען א פולשטענדיגע רענאוואציע קאנצענטרירנדיג זיך אויף ענערגיע עפעקטיוויקייט און פארגעשריטענע בוי-סיסטעמען צו עפעקטיוו דינען די פראגראמאטישע געברויכן פון SUNY דעלהי'ס קריטיש וויכטיגע וועטערינערישע טעכנאלאגיע און אפלייד סייענסעס פראגראמען. רענאוואציעס צו די איבער 40-יאר-אלט איינריכטונג רעכנט אריין א הייבריד גראונד סאורס היץ פאמפ סיסטעם, נייע HVAC סיסטעמען מיט ענערגיע ערהוילונג, ספעציאליזירטע ווענטילאציע פאר חיות זארג פלעצער, נייע פלאמבינג און א פולשטענדיגע LED באלייכטונג סיסטעם. די געביידע שטיצט יעצט סטעיט-אוו-די-ארט וועטערינערישע לאבעראטאריעס, מעדיצינישע צימערן, א געמיינדע-ארויסקוקנדע קליינע חיות געזונטהייט קליניק, און קלאסצימערן מיט אינפראסטרוקטור וואס שטיצט טעכנאלאגיע, סטודענט צוזאמענארבעט און פיל-נוציגע געברויכן.

ניו יארק סטעיט האט צוגעשטעלט באדייטנדע קאפיטל פינאנצירונג צו פארבעסערן SUNY'ס איינריכטונגען און פארברייטערן קאפאציטעט פאר סטודענטן. אין די 2024-2025 ניו יארק סטעיט אקטיוועו בודשעט, האט SUNY באקומען איבער 1 ביליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען צו שטיצן קאפיטל פארבעסערונגען פראיעקטן.

**SUNY טשענסלער דשאן ב. קינג דשוניאר האט געזאגט,** "SUNY'ס פארפליכטיגונג צו סטודענט הצלחה און עקאנאמישע אנטוויקלונג איז אפגעשפיגלט אין די וואונדערליכע איינריכטונג, ערלויבנדיג סטודענטן אין SUNY דעלהי'ס וועטערינערישע סייענס טעכנאלאגיע פראגראמען צו לערנען אין אן ענערגיע-עפעקטיווע איינריכטונג געפירט דורך געאטערמאל ענערגיע, ערהאלטנדיג סטעיט-אוו-די-ארט לאבעראטאריעס, מעדיצינשע און דיאגנאזירנד בילדערנדע צימערן, קלאסצימערן, און אפילו א קליינע חיות קליניק. פארנסווארט האל האט זיך געעפנט א דאנק צו באדייטנדע שטיצע פון גאווארנער האקול און אונזער געזעצגעבנדע פארטנערס, און איך דאנק זיי פארן פינאנצירן סוני'ס קאפיטל געברויכן און אפעראציעס צו פאראויסברענגען SUNY'ס אקאדעמישע אויסגעצייכנטקייט און אויסערגעווענליכע ווערד."

**SUNY באורד טרוסטי עריק קארנגאלד האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן, האבן סוני דעלהי'ס אומגלויבליכע וועטערינערישע סייענס טעכנאלאגיע פראגראמען האבן ערצויגן די בעסטע און קלוגסטע ניו יארקערס, קאנצענטרירנדיג זיך אויף די געזונט און וואוילזיין פון די חיות וואס ארבעטן מיט אונז און טיילן מיט אונזער לעבן, היים און פלאנעט. די מאס און פארנעם פון די איינריכטונג שטייען צווישן די גרעסטע און בעסטע אין די פאלק, ברענגענדיג סוקסעס פאר סטודענטן וואס זענען א טייל אין די באנייטע פראגראם."

**SUNY דעלהי פרעזידענט מערי ה. באנדעראף האט געזאגט,** "די ווידער-עפענונג פון פארנסווארט האל איז באמת א באדייטנדע צייט פאר סוני דעלהי. פארנסווארט האל איז שוין לאנג געווען א פלאץ פון לערנען, אונטערזוך, און געמיינדע סערוויס, באזונדער דורך אונזער וועגווייזנדע וועטערינערישע סייענס טעכנאלאגיע פראגראמען - די ערשטע פון די סארט אין די לאנד. די רענאוואציע בינדט צוזאם די רייכע היסטאריע פון דעלהי'ס וועט סי (Delhi’s Vet Sci) פראגראמען, מיט די טעכנאלאגיע זיך קאנצענטרירנדיג אויף צוקונפטיגע געברויכן. אין נאמען פון די דעלהי געמיינדע, שטרעק איך אויס מיין הארציגע דאנקען צו די SUNY קאנסטראקשן פאנד און טשענסלאר דשאן ב. קינג, דשונייאר פאר זייער שטיצע צו ערמעגליכן די רענאוואציע. ווען מיר שניידן דורך די שטריק היינט, עפענען מיר נישט נאר ווידער אויף א געביידע; מיר עפענען די טיר צו נייע געלעגנהייטן פאר דעלהי סטודענטן און אונזער קאלעדזש געמיינדע."

**סטעיט סענאטאר פעטער אבעראקער האט געזאגט,** "דאס היינטיגע טאג באצייכנט א מילשטיין מאמענט פאר SUNY דעלהי, ווען מיר שטייען ביים שפיץ פון אינאוואציע מיט די נייסטע וועטערינערישע טעכנאלאגיע און אפלייד סייענסעס פראגראמען. די פראגראמען שפיגלט אפ די פארויס-טראכטנדע גייסט פון די מוסד, און צייכנט אן א אומגלויבליך ליכטיגע צוקונפט פאר סי סטודענטן, קאמפוס און געמיינדע. איך דאנק טשענסלער דשאן קינג פאר זיין שטיצע און שטרעק אויס מיין ווארעמסטע וואונטשן צו דר. מערי באנדעראף און איר שטאב פאר זייער אויסערגעווענליכע פירערשאפט אין ערמעגליכן די דערגרייכונג. אלס א שטאלצע בראנקא און SUNY דעלהי גראדואירטע, קען איך נישט זיין מער צופרידן איבער די געלעגנהייטן וואס דאס וועט ברענגען צו די קומענדיגע גענעראציאנען."

**אסעמבלימעמבער קריס טאגו האט געזאגט,** "איך בין געווען זייער דאנקבאר צו זיין צווישן די גוטע פירערס אין ערציאונג ביי SUNY דעלהי ווען מיר פייערן די ווידעראיבערגעבונג פון פארנסווארט האל. דעלהי איז שוין לאנג געווען א צענטער פאר וועטערינערישע סייענסעס אויסגעצייכנטקייט, און די אפדעיטעד קלאסצימערן, איינריכטונגען און טעכנאלאגיעס ווען ווייטער צוגרייטן די קומענדיגע גענעראציע פון וועטס זיך אויסצוצייכענען אין זייער ארבעט. א דאנק צו SUNY טשענסלער דשאן קינג, דשוניאר. פאר אייער פירערשאפט, SUNY דעלהי פרעזידענט מערי באנדערהאף פאר אייער פירערשאפט פון די אוניווערזיטעט, און דעאן ברעט מעקעל פאר אייער באגלייטונג פון סטודענטן און פארטיידיגער פאר זייערע געברויכן. קאנגראטולאציעס צו SUNY דעלהי פאר אייער נייע איינריכטונגען!"

**איבער SUNY דעלהי'ס וועטערינערישע סייענס טעכנאלאגיע פראגראמען**
SUNY דעלהי איז די ערשטע צוזשטעלן א וועטערינערישע סייענס טעכנאלאגיע פראגראם אין די U.S.,
אויסלערנענדיג די מערסט-נייע טעכניקן זיך אפצוגעבן מיט די געזונט און וואוילזיין פון סיי קליינע און
גרויסע חיות. פולשטענדיג אנערקענט דורך די אמעריקאנע וועטערינערישע מעדיצינישע אסאסיעישן
(American Veterinary Medical Association AMVA), SUNY דעלהי שטעלט צו סיי אסאיאט און
באטשלער פראגראמען מיט צוטריט צו אויסגעברייטערטע איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג מעדיצינישע
און דיאגנאזירנדע בילדערנדע צימערן, א נייע קלינישע צימער וואס איז נאכגעמאכט פון א וועטערינע
שפיטאל, לאבעראטאריע חיות געברויכן, און א גרויסע חיות לערנונג פארם מיט אלפאקאס, קיען,
שעפעלעך און פערדן. מיט א שטארקע קאנצענטרירונג אויף פראקטישע פעהיגקייטן, ווערן דעלהי
גראדואירטע געזוכט דורך עטליכע פון די בעסטע חיות קליניקס, שפיטעלער, און אונטערזוך
איינריכטונגען אין די לאנד.

**איבער SUNY דעלהי**
SUNY דעלהי'ס פראקטישע צוגאנג צו אויסלערנען און לערנען נעמט אריין איבער 60 אקאדעמישע
פראגראמען אין ספעציאליזירטע געביטן, אריינרעכענעדיג אפלייד טעכנאלאגיעס, נורסינג,
פריינטליכקייט, וועטערינערישע סייענסעס, אפלייד סייענסעס, ביזנעס, און ליבעראלע קונסט און
סייענסעס. SUNY דעלהי שטעלט צו סערטיפיקאטן, אסאסיאט דעגריס, בעטשלער'ס דעגריס, ווי אויך
מאסטער'ס דעגריס אין א קאמבינאציע פון אויפן-קאמפוס און אנליין איינשטעלונגען. אריננעמענדיג
איבער 3,000 סטודענטן, איז SUNY דעלהי א מיטליגד פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק. פאר
מער אינפארמאציע איבער SUNY דעלהי, רופט 607-746-4000 אדער באזוכט delhi.edu.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, איז די גרעסטע ארומנעמיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די
פאראייניגטע שטאטן, און מער פון 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון
איינע פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר
אקאדעמישע געזונהטייט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א
געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע,
און פירט איין US דעפארטמענט און ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY
בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש
קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן
אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן דורכאויס די גאנצע
סיסטעם זענען געווען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2023, אריינרעכענענדיג
באדייטנדע בייסטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן
געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי
האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן,
באזוכט www.suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK
צו 81336

זיך ארויסשרייבן